National Library of Israel

דער מארגען זשורנאל- The Jewish Morning Journal, 17.08.1919, page 6

אונזער פיעלשפראַכיגע ליטעראַטור

"הדביר" פון ירושלים, שכנא שטיין'ס "ינוקא" און יעקב לעווין'ס "נייע אידישע שול". א זאמלונג בעווייזע וועגען דעם תהו ובהו אין רוסלאנד אונטער די באלשעוויקעס, און א ביכעלע ליעדער פון א לעבענסלוסטיגען פאעט.

פון פ. ווערניק

דער ערשטער נומער "הדביר, קובץ לתורה וחכמת ישראל, קובץ א—ב, סיון תמוז" פון ירושלים, וואס איז איצטער אהער אנגעקומען, מאכט א גוטען איינדרוק און ערוועקט שטארקע האפנונגען אויף זיין ווייטערען ערפאלג. "הדביר" ווערט ארויסגעגעבען פון א קאמיטע פון "הסתדרות הצעיר ישראלי" און מען מוז איהר מאכען דעם קאמפלימענט אז די תורה איז אין דיעזען נומער דער עיקר, ווי עס דארף זיין אין א צייטשריפט פון דיעזען סארט וואס ערשיינט אין ארץ ישראל.

דער טהייל פון די תורת אדער תלמודישע תשובות און חדושים דערמאנט אן אונזער היעגען "יגדיל תורה" וואס ווערט ארויסגעגעבען אין ניו יארק פון הרב משה בנימין טאמאשאוו. נור אין "הדביר" איז די תורה געדרוקט מיט שעהנע רש"י שריפט, פון וועלכע מען קען אפלערנען אז די קליינע און ארעמע ירושלים איז אפשר נאך אלעמען מעהר מיטעל־פונקט פאר דעם עכט אידישען גייסט ווי די ריעזיגע רייכע ניו יארק, וואו עס וועלען האפענטליך מיט דער צייט אויך זיין גוטע אידישע דרוקען פאר אנדערע זאכען ווי צייטונגען און "ליטעראטור".

דער צווייטער קלענערער טהייל, דער חלק הספרות, וועלכער איז פון אונזערע מענשען מעהר פערשטענדליך ווי די חדושי תורה, איז גוט געשריעבען און אויך אין דעם ריכטיגען גייסט וואס פאסט פאר ארץ ישראל. בעזאנדערס ווערטהפאל איז דער אנהויב פון דיא ביאגראפיע פון ר' מאיר אויערבאך פון קאליש, דעם בעריהמטען רב פון ירושלים אין די צווייטע העלפט פון ניינצעהנטען יאהרהונדערט. עס געפינט זיך דארטען אויך א הספד אויף דעם דווינסקער רב, ר' מאיר שמחה ז"ל, און אזוי וויא עס שיינט אז "הדביר" איז געדרוקט געווארען אין תמוז, א היבשע ביסעל שפעטער נאכדעם ווי די נייעס פון זיין ערמארדונג איז געקומען ווערט דערמיט געווארפען א צווייפעל אויף דעם שפעטערען קלאנג אז די טרויעריגע נאכריכט איז ניט געוועזן אמת.

דער לעהר־בוך "ינוקא", ספר למוד ומקרא לתלמידים משנות הלמוד השניה השלישית, מאת שכנא שטיין, הוצאת ירדן, באסטאן תרע"ט איז איינער פון די בעסטע ווערקע פון דיעזען סארט וואס איך האב ווען געהאט די געלעגענהייט צו זעהן. דער גייסט, די שפראך, די צוזאמענשטעלונג און די בילדער זיינען אויסגעצייכענט. עס איז אין די 80 זייטען פון וועלכע ער בעשטעהט ניטא קיין שטריך און קיין אויסדרוק וואס זאל פערלעצען דעם גוטען געשמאק אדער די רעליגיעזע געפיהלען פון אידישע מענשען, און מאנכע פון די פאפולערע שירים זיינען גרויסארטיג געשריעבען אדער איבערזעצט.

דער פערפאסער ערקלערט אין דער הקדמה אז ער האט ניט געזוכט צו זיין אריגינעל, ווייל לעהר־ביכער דארפען ניט זיין קיין אריגינעלע פערפאסונגען נור גוטע זאמלונגען, און מען מוז געבען מר. שטיין די אנערקענונג אז ער האט אויסגעקליעבען גוטע זאכען וואס זיינען פאסענד פאר קינדער. ש. בן ציון'ס איבערזעצונג פון "אונטער יאנקעלע'ס וויעגעלע" און פ. קפלן'ס "אלף בית "אויפ'ן פריפעטשעק" קענען אנגענומען ווערען אלס די בעסטע ביישפיעלע. עס געפינט זיך אין "ינוקא" ווי עס דארף זיך געפינען אין א אידישעם לעהרבוך, פערשיעדענע ברכות און שטיקלאך דאווענען וויא מודה אני און קריאת שמע.

עס מעג זיין א ספק, אפילו אויב דאס זאל ניט זיין נעגען כללים פון דקדוק, אויב עס איז רעכט צו געברויכען לשון נקבה פאר די זון (מהיכן יוצאת השמש? זייטע 8) ווען מיר האבען פסוקים "השמש יצא" און "והוא כחתן", אבער אויב דאס איז א קשיא איז עס אויף דעם פערפאסער יהודה שטיינבערג, ניט אויף דעם זאמלער וועלכער האט געטהאן זיין ארבייט זעהר גוט.

גוט אין פערשיעדענע הינזיכטען אבער לאנג ניט אזוי אלגעמיין גוט ווי דער אויבען־דערמאנטער לעהרבוך איז "די נייע אידישע שול", צווייטער טהייל, פון יעקב לעווין, וואס דער פערלאג "אידישע שול" האט איצטער ארויסגעגעבען. דאס איז א היבשער בוך פון נאהענט צוויי הונדערט זייטען, אויך א "קאמפילאציע" אין אידישען גייסט, מיט פיעלעס פון תנ"ך, פון תלמוד און אנדערע אידישע קוועלען. די מייסטע פון אונזערע גוטע דיכטער און שרייבער זיינען פערטרעטען, און מאנכע זאכען וואס שיינען צו זיין געשריעבען פון פערפאסער אליין זיינען אויך ציעמליך גוט. נור ניט אלעס אויסגעקליעבען מיט דעם געשמאק און מיט די פארזיכטיגקייט וואס מען האט א רעכט צו ערווארטען פון א פעדאגאג וואס ווייס צו שעצען די תורה און דיא גמרא אלס קוועלען פאר ערציהונגס־מאטעריאל. עטליכע ראדיקאלע סקיצען, פון דעם סארט וואס ווערט געשריעבען פאר אונזער רויט־געלע פרעסע זיינען געוויס ניט אם פלאץ אין א לעהר־בוך פאר קינדער פון אכט ביז צעהן יאהר, און מען קען עס ניט ענטשולדיגען אפילו ווען מען זעהט אין דער פארעדע אז "דאס בוך איז צוזאמענגעשטעלט מעהר אדער וועניגער אין איינקלאנג מיט דעם פראגראם וואס ווערט איצט אויסגעארבייט פאר די אידישע פאלקס־שולען און באזונדער פאר די נייע אידישע שולען וואס האט איצט גענומען גרינדען דער "ארבייטער רינג". עס איז ניט אימער זיכער אדער פראקטיש צו געהן נאך א פראגראם וואס ווערט נאך איצטער אויסגעארבייט. עס בלייבט די געפאהר אז ווען יענער פראגראם וועט ווערען פערטיג וועט ער ערשט דאן ניט טויגען, און די צווייטע נאך מעהר וואהרשיינליכע געפאהר אז אזעלכע ביכער ווי "די נייע אידישע שול" קען זיין צו אידיש פאר יענעם פראגראם, אין דער צייט וואס די ביסעלע ראדיקאליזם וועט זיין גענוג זיי צו מאכען פסול פאר די סקולס וואו מען גלויבט אז אזעלכע געדאנקען זיינען שעדליך פאר קינדער.

דער פערפאסער שיינט צו זיין ניט גוט אונטעררינכטעט אין זאאלאגיע און מאנכע פון זיינע מיסטייקס זיינען קאמיש. אויף זייטע 11 זיינען רבי'ס קעצאלאך ביי איהם געווארען מייזאלאך, און אויף זייטע 71 דערציילט ער אונז אז דער לייב און דער העלפאנד זיינען אויסגעוואקסען אין איין וואלד. אין אנהויב פון דעם פאבעל דערצעהלט ער אז דער העלפאנד שטאמט פון אינדיען, און מען קען דערפון אפלערנען אז דארטען געפינט זיך עס דער וואונדערבארער וואלד וואו ביידע זיינען געבארען געווארען. אבער אין אינדיען זיינען ניטא קיין לייבען, און עס איז א מורא אז ער האט געהאט אין זינען א טיגער, וועלכער איז א נאהענטער קרוב צום לייב ווי א קאץ איז צו מייזלאך. אין אפריקא זיינען גראדע דא אי לייבען אי עלעפאנטען, איז אבער דארטען ניטא — אינדיען.

"דער באלשעוויסטישער גן עדן אין רוסלאנד" וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון דעם פעראיין פאר דער אויפלעבונג פון א פאראייניגטער דעמאקראטישער רוסלאנד (פארלאג פרייע רוסלאנד, ניו יארק 1919) איז א זאמלונג פון פאקטען און דאקומענטען וועגען דער לאגע אין סאוויעט רוסלאנד, וואו דיא באלשעוויקעס שאלטען און וואלטען שוין באלד צוויי יאהר. די איינצעלנע פאקטען און ארגומענטען פון דעם "גן עדן" זיינען פערעפענטליכט געווארען אין פערשיעדענע צייטשריפטען פון אלערליי לענדער, נור אין דיעזען ביכעל זיינען זיי צוזאמענגעשטעלט געווארען אין אן ארדנונג און פארגעלייגט געווארען מיט א סיסטעם וואס פארבינדעט זיי אלע צוזאמען און שטעלט פאר א שוידערהאפטעס בילד.

דיא אונטערדריקונג פון דעם וואונש פון דער מעהרהייט ווי עס איז אויסגעדריקט געווארען ביי עלעקשאנס, די שליסונג פון צייטונגען וועלכע נעהמען ניט אן דעם סאוויעט־פלאטפארם, די אונמענשליכע צושטענדע אין די געפענגניסען, די פערהונגערונג פון קראנקע אין האספיטאלס וואס זיינען ערגער ווי שטאלען, די רציחות געגען פאליטישע געגנער, די פערשווענדעריי פון ארבייטענדע קרעפטען און די פערניכטונג פון דעם רייכטהום פון לאנד, די פוילקייט און די געזונקענהייט וואס הערשט דארטען איצטער ווערען בעשריעבען מייסטענס אין די ווערטער פון רוסישע רעוואלוציאנערען און פון ראדיקאלע צייטונגען. דיא שרעקענס־בילדער האבען שוין אויפגעהערט צו מאכען אן איינדרוק, און דיא שטארקסטע ארגומענטען אין דעם ביכעל זיינען די בעווייזע אז דער עסק צאהלט ניט. דארטען וואו דער באלשעוויזם בליהט, ווי אין די פעקטארים אין גרויסע שטעדט, קריעגען די ארבייטער מעהר ווייזשעס וויפיעל עס איז ווערטה דער פראדוקט פון זייער ארבייט. דאס קען ניט לאנג אנגעהן און די באלשעוויסטישע ארדנונג מוז ווערען באנקראט ווען דאס וואס איז אפגעשפארט געווארען פון פריהערע צייטען וועט ווערען אויפגעגעסען. די זאמלונג פאקטען וועט דאמאלס זיין נאך וויכטיגער ווי איצטער, ווייל מען וועט דאן אין אזעלכע ווערקע געפינען די אורזאכען פאר וואס דער ערפאלג פון באלשעוויזם איז געוועזן אונמעגליך.

אין די פאעטישע זאמלונג "שטראלען" פון ס. מאכלין, (ארויסגעגעבען פון ראובן גרינפעלד, 135 קאנאל סטריט, ניו יארק) בעגעגענען מיר איינע פון דיא זעלטענסטע ערשיינונגען אין אונזער ליטעראטור: א פאעט וואס קלאגט ניט. די פרעהליכקייט פון מר. מאכלין איז אפשר אין מאנכע פלעצער אביסעל אנגעשטריינגט, בעזאנדערס וואו ער פערמעסט זיך צו פליהען העכער ווי זיין בעגאבונג קען איהם טראגען, וואס קומט פאר ווען ער בענוצט זיך מיט לאנגע שורות און אויסגעצויגענע בילדער. אבער זיין גייסט איז געזונד און אפטימיסטיש, און זיין אויג קען פערטראגען ליכט, און ער איז נאטירליך ווען ער דערציילט אונז ווי ליעב ער האט דעם לעבען און די וועלט און זיך אליין. ער רעדט פון הארצען ווען ער זאגט אז

די וועלט איז גענוג דאך געשטראפט
שוין מיט דיכטער
וואס זינגען נאר ליעדער פול יאוש
פול טרערען

און ער צייגט א ציעמליך טיעפע איינזיכט אין מענשליכער נאטור ווען ער רעדט וועגען די מאדנע סארט מתנות וואס ער מוז ברייננען זיין געליעבטע:

כ'מוז איהר אימער מיט זיך ברייננען
א פאר ל י נ ע נ ס פריי און שעהן,
טאמער האב איך ניט דיא אוצרות
מאג איך אין דער היים דאן שטעהן...

די "שטיפערייען" פון א צווייטען טהייל זיינען קורצע שטיקלאך ליצנות אדער וויצען, מאנכע ניט מעהר ווי עפיגראמען, אבער כמעט אלע גוט, מאנכע זעהר גוט. דער גייסט פון די פאעזיע איז ניט אידיש מאנכעס געהערט צו די אידעען וואס פיהרען ארויס פון אונזער לאגער אדער פון אונזער וועלט. אבער ווען איינער מוז אוועקגעהן איז גלייכער אז ער זאל דארטען אויך זיין א מענש, און אזעלכע פאעזיע איז געזונדער פאר דעם דיכטער און פאר דעם פובליקום ווי די אנדערע סארטען וואס זוכען צו ערוועקען קנאה און שנאה פאר די צוועקען פון פראפאגאנדא.